תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# אונזער תורה קוואל

## פרשת מסעי



**כיתה ו'** (א-ב)
**הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו**
**הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו**

# חידו"ת לפרשת מסעי

**אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים וגו'.** ויש לבאר מה שהוצרכו למסעות הללו כי יצאו מארץ מצרים ערות הארץ הוצרכו להזדכך במדבר במסעות הללו, וכן איתא במדרש ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים אר"י בן קרחה כדי ליתן להם את התורה במדבר כיון שהיו שקועין בזוהמת מצרים היו צריכין למירוק הזוהמא במסעות, וז"ש אלה מסעי בני ישראל שהוצרכו למסעות הללו למען אשר יצאו מארץ מצרים טומאה עמוקה, ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם ואלה מסעיהם למוצאיהם, ר"ל דבר זה כתב לנו משה בתורת ה' כי עיקר היציאה היא ממש בשביל מסעיהם, ולא כמו העולה על הדעת כי הנסיעה היא רק טפל להגיע למחוז החפץ רק היציאה עיקרו בשביל מסעיהם, והיינו ואלה מסעיהם ר"ל דמסעיהם היו בהכרח בשביל מוצאיהם מטומאה עמוקה דבשביל הכנסה לאר"י היה יכול להיות דרך פלשתים.

**(ישמח משה)**

בס"ד

## א ליקוט פון חז"ל אויף אהרן הכהן

- נולד בשנת ב"א שס"ה כשהיה מרים בת ארבע שנים
- בן ג' שנים היה, כשנולד משה רבינו
- מלידת אהרן ג' שנה ושליש שנה עד שנולד משה היה הגזירה "כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו"
- מבן ג' שנה עד פ"ג שנה ניבא לישראל במצרים
- בן כ"ז שנה היי כשמת עמרם
- בן פ"ג שנה כשעמד לפני פרעה ויציאת מצרים וקבלת התורה
- בן פ"ד שנה א' ניסן מתו שני בניו נדב ואביהוא
- בן פ"ד שנה ב' ניסן נעשה פרה האדומה הראשונה
- בן קכ"ג שנה בשנת ב"א תפ"ז בר"ח ניסן מת מרים אחותו בת קכ"ז שנה
- בשנת ב"א תפ"ז בר"ח אב מת אהרן במיתת נשיקה בן קכ"ג שנה, ויבכו כל בני ישראל את השריפה אשר שרף ה'

### קדושתו של אהרן

די ענני הכבוד איז געווען אין זכות פון אהרן הכהן.

**(תענית ט.)**

*

קיינער האט נישט זוכה געווען צו די הויכע נבואה וואס אהרן הכהן האט זוכה געווען, אויך האט ער זוכה געווען צו די העכסטע מדריגה אין כהונה.

**(סוכת שלום)**

*

די וועלט האלט זיך אויף, אין זכות פון משה רבינו און אהרן הכהן.

**(חולין פט.)**

*

אזוי ווי אדם הראשון האט געלאכטן פאר ווען ער האט געזינדיגט, אזוי אויך האט אהרן הכהן געלאכטן ווען ער האט אנעצינדן די מנורה.

**(סוכת שלום)**

### הוי מתלמידיו של אהרן

אהרן הכהן האט געהאט א ספעציעלן וועג ווי אזוי ער האט מקרב געווען אידישע קינדער און זיי צוגעברענגט צו תשובה שלימה, ווען ער האט געוויסט אז איינער האט געטוהן א עבירה, איז ער צו איהם צוגעאנגען, זיך מיט איהם געחבר'ט און איהם ארויס געוויזן א נאנטשאפט, געווענליך האט יענער זיך זייער געשעמט פון אהרן הכהן, ווייל ער האט געטראכט ביי זיך אז ווען אהרן הכהן וואלט געוויסט וואס פאר א בעל חוטא ער איז, וואלט ער זיך זיכער נישט געחבר'ט מיט איהם, און ער איז געווארן דערפון אזוי שטארק צובראכן אז ער האט תשובה געטוהן אויף זיינע עוונות.

**(אבות דר' נתן י"ב, ג)**

*

אכציג טויזנט בחורים וואס האבן געהייסן אהרן, זענען נאך געגאנגען די מיטה פון אהרן הכהן, וואס זענען געווען קינדער פון עלטערן ווי אהרן הכהן האט שלום געמאכט.

**(כלה רבתי ג')**

*

### בא השמש בצהריים

השי"ת האט געבעטן משה רבינו א טובה, אז ער

זאל גיין זאגן פאר זיין ברידער אהרן הכהן אז ער גייט היינט שטארבן.

וואס האט משה רבינו געטאן, ער איז אויף געשטאנען אינדערפרי און ער איז געגאנגען צו אהרן הכהן'ס שטוב, און ער האט איהם גערופן אהרן מיין ברידער, איז אהרן ארויס געקומען צו משה רבינו.

האט אהרן געפרעגט משה, וואס ביזטו אזוי פרי געקומען צו מיין הויז היינט, האט משה רבינו געזאגט אז א גאנצע נאכט האב איך אריין געטראכט אין לערנען און איך פארשטיי דאס נישט, דערפאר בין איך געקומען דאס צו לערנען מיט דיר, און דאס איז אין ספר בראשית.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו די פרשה פון אדם הראשון, האט משה רבינו געפרעגט וואס ער זאגט וועגן אדם הראשון אז ער האט געברענגט מיתה אויף די וועלט, האט אהרן געזאגט אז מען דארף מקבל זיין דעם גזירת המלך, האט משה רבינו געזאגט איך וואס איך האב געוועלטיגט אויף די מלאכי השרת און דו וואס דו האסט צוריק געהאלטן דעם מלאך המות איז דען דער סוף נישט דאס, אז מען וועט אמאל שטארבן.

ביז ער האט איהם דערמאנט דעם טאג וואס מען שטארבט, באלד האבן די ביינער פון אהרן אנגעהויבן צוטוגיין, האט אהרן געזאגט אפשר וועגן מיר איז דאס, האט משה רבינו געזאגט יא, באלד האבן די אידן געזען אז ער איז נידעריגער געווארן.

האט משה רבינו געפרעגט ביזטו מקבל אויף דיר צו שטארבן, האט אהרן געענטפערט יא, אויב אזוי קום ארויף אויף דעם בארג הר ההר, און אזוי ווי זיי זענען ארויף אויפן בארג האט זיך געעפנט די מערה און מען האט געטראפן דארט א בעט, און אהרן האט אויסגעטאן זיינע בגדים און זיין זיהן אלעזר האט דאס אנגעטאן און א וואלקן האט איהם ארומגענומען, באלד איז די שכינה געקומען און איהם א קיש געטאן, האט השי"ת געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל ארויס גיין פון די מערה, און אזוי ווי משה רבינו איז ארויס האט זיך די מערה פארמאכט און משה מיט אלעזר זענען אראפ פונעם בארג.

(ילק"ש חוקת תשס"ד)

*

ווען משה רבינו האט אויסגעטאן אהרן הכהן זיינע בגדי כהונה און אנגעטאן פאר אלעזר האט משה רבינו געפרעגט אהרן וואס ער זעהט יעצט, האט אהרן געענטפערט אז ער זעהט א וואלקן וואס דעקט איבער מיינע איברים פון די אברים וואס די טוסט אויס מיינע קליידער, האט משה רבינו ווייטער געפרעגט וואס איז דאס מיתת צדיקים און ווי ביזטו, האט אהרן הכהן געזאגט איך קען דאס נישט דערציילן, נאר הלוואי וואלט איך שוין לאנג דא געווען.

(ילק"ש מטות תשפ"ז)

*

אזוי ווי אהרן הכהן איז נסתלק געווארן האבן זיך די ענני הכבוד אפגעטאן פון די אידן, און אלע אידן האבן געזען ווי משה רבינו קומט אראפ פונעם בארג און זיינע קליידער זענען צוריסן און ער וויינט, און זאגט: ווייי צו מיר וועגן מיין ברידער אהרן וואס ער איז געווען דער זויל פון תפילה פאר'ן כלל ישראל.

(תרגום יונתן במדבר כ', כ"ט)

*

פאר השי"ת איז געווען שווער די שטארבן פון אהרן הכהן, ווי די ווייטאג ווען די לוחות זענען צובראכן געווארן.

(ויקרא רבה כ', י"ב)

## קשה סילוקן של צדיקים כשריפת בית אלוקינו

# הילולא דצדיקיא

## מרן הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע

שב"ק כ"ה תמוז שנת תר"א לפ"ק

כוחו של מרן הגה"ק בעל הישמח משה זי"ע בנתינת הקמיעות לא היתה אלא לשעה אלא אף לדוורת אחריו, צפה למרחוק ברוח קדשו, כאשר יסופר על אברך אחד מקורב להיש"מ שלא זכה להתפקד בזרע של קיימא, ונסע פעם אחת לאויהעל ונתן פתקא בבקשה שיזכה לזרע של קיימא, הישמח משה נתן לו קמיע וברכו שבעוד שנה יוליד זרע של קיימא, והזהיר אותו באזהרה נמרצה ששום אדם לא יפתח את הקמיע ולא יביט בה, האברך בא הביתה ולא סיפר לשום אחד שקיבל קמיע מפחד שלא יפצרו בו להראות להם, הרב דמתא קרא את האברך ושאל אותו על תהלוכותיו בהיותו בצל הישמח משה, כי הרב היה גם כן מחסידי הישמח משה לו קמיע, כי ידוע שהיה רגיל ליתן קמיעות שראו מהם נפלאות רבות ונוראות, האברך לא רצה לגלות להרב, וגם לא רצה להוציא שקר מפניו, על כן בחר במדת השתיקה, הרב הפציר בו ואמר משתיקתך רואה אני שנתן לך קמיע והיתכן שתעלים ממני, והעתיר עליו דבריו עד שהאברך לא היה יכול להעיז פניו נגד הרב דמתא, עד שהודה שקיבל קמיע באזהרה ששום אדם לא יפתח אותה.

הרב לקח את הקמיע פתח אותה ומצא בתוך הנייר גויל מונח קצת בעיקום, הרב הניחו ביושר, קרא את הנכתב בו חזר וסגר הנייר והחזירו להאברך, עבר שנה ולא נפקד עוד, הודיע לחבריו שהוא רוצה לנסוע עוד הפעם, כי פלא בעיניו שברכתו של אותו צדיק לא נתקיימה, שמע חבירו שנוסע לאוהעל, אמר לו בבקשה ממך הן אתה נוסע להצדיק, קח נא את בני הילד משה'לי בן חמש-שש שנים שיסע עמך להכיר את הה"ק מאוהעל, האברך הסכים ולקח את הילד שלחבירו ונסעו לאוהעל, בבואו לפני הישמח משה התלונן על אשר לא הועילה הקמיע, בשמוע הישמח משה את דבריו תמה מאוד, היתכן שקמיעות שלי לא יעשו פעולה לטובה, ואמר להאברך איפה הקמיע שלי ונתן לו, פתח היש"מ הקמיע וצעק מי זה הוא אשר מלאו לבו למשמש בקמיע שלי "וועהר האט געהאט א העזה צו נישטירן אין מיינע קמיעות".

פתאום שאל היש"מ מי הוא הילד העומד עמך פה, ענה האברך חברי בקשני שאקח ילד שלו להכיר את היש"מ, אז קרא הישמח משה את הילד ושאל אותו מה שמך, אמר משה'לי, אמר הרב קח לך זאת ונתן לו נייר מכורך וסגור ואמר לו שמע מה שאני אומר לך ותזכור היטב "כשילד נתגדל, והי' לאיש, נושא אשה, מוליד בנים, אז טוב להיות לו דבר כזה" הילד לקח את הנייר המכורך והניחו בכיסו, והיה לפלא בעיני האברך ובעיני כל השומעים, כשבא הביתה סיפר לאביו מה שנתן לו הרבי הנייר הנ"ל והיה לפלא ולשיחה בפי הבריות, הילד השתעשע בנייר הנ"ל, והחשיבו מאד והחביא אותו בין חפציו וסגר אותה כדרך הילדים, עברו כעשרים שנה היש"מ כבר עלה השמימה, הילד נתגדל ונשא אשה והוליד בן, וקרא שמו בישראל (למשל ראובן), בהיות הילד בן שנתים ושלש נחלה בחולי אנוש ודרש ברופאים ורפואות שונות וסגולות ואין מועיל, מיום ליום הורע מצב הילד עד שנסע לעיר גדולה לרופא מומחה והתייאשו למצוא לו תרופה, ובא חזרה לביתו בצער גדול עד מאוד.

והיתה שם אשה אחת זקנה מינקת שהיא היתה מינקת האברך משה'לי, וכך הורגלה בבית אבותיו, והיתה משרתת בבית תמיד וסבלה יסורים גדולים מחולי הילד, ויום ולילה שמרה על מטת הילד החולה, והנה פתאום נתעורר לה רעיון וצעקה לבני הבית זכרו נא לפני כעשרים שנה הביא משה'לי קמיע מהה"ק מאוהעל, ואמר שכשמתגדלים ונושאים אשה ומולידים בן זה הוא טוב, אם כן אולי כיוון הצדיק על עת כזאת עת צרה וצוקה, מהרו נחפזו לבקש מקום חבילת השעשועין של משה'לי שכבר זה לו עשרים שנה שהסיחו דעת ממנו, יגעו וחפשו בבית אוצרות עצים ומחסנים ומצאו את החבילה שעבר עליו החלודה, ופתחוהו והוציאו בהנייר המכורך ופתחוהו והיה מונח פתקא וכתוב עליו (למשל) יעקב ראובן, היינו שהיה כתוב בו שם הילד ועוד שם אחד תיכף נקבצו עשרה אנשים והוסיפו לו את השם הכתוב בפתקא, והילד התחיל לשוב לאיתן בריאותו, וכעבור איזה ימים הבריא לגמרי, וראו כוחו של הצדיק להביט למרחוק.